# מתוך דברות קודש מרן רביה"ק בעל ברך משה זי"ע

# גודל החיוב לצמצם הוצאות החתונה

## ליל ז' דחנוכה שנת תשמ"ח לפ"ק

...איז אזוי, אינדערהיים האט מען נישט געמאכט יעדער איינער אזוי שבע ברכות, מ'האט געמאכט נאר "שבת" שבע ברכות. דא איז איינגעפירט מען מאכט יא שבע ברכות אינדערוואכן, נו מען קען דאך נישט זאגן ס'איז א מצוה, **אבער ווען איז דאס געזאגט געווארן אויב מען איז פוחת והולך ביי דעם, אויב מען איז אבער מוסיף והולך ווי ווער דאס פירן?!, דער עולם דארף דאך חתונה מאכן, און קיעה"ר ס'איז דא וואס מאכן יעדעס יאר חתונות, איז אויב ס'וועט זיין מוסיף והולך ביי די זאכן, צו וואס וועט מען קומען, מען וועט זיך אנשולדיגן, און ל"ע מען וועט נישט קענען חתונה מאכן, אדער וועט איינער צונעמעןביים אנדערן, ס'וועט דאך פירן צו מורא'דיגע זאכן!,** מוז דאס זיין פוחת והולך, די בית שמאי זאגן אז נר חנוכה איז אזא גרויסע מצוה, ס'איז פרסומי ניסא, אבער ווייל זיי לערנען מותר להשתמש לאורה מוז שוין זיין פוחת והולך, ס'קען נישט זיין מוסיף והולך, כל שכן ביי א חתונה, וויפיל איז דער שיעור אז מ'הייבט אן אזוי צו מאכן, קען מ'דען דאס אויספירן, מ'מוז דאך עפעס ארייטראכטן צו וואס וועט דאס פירן אז ס'וועט זיין מוסיף והולך, מ'ווייסט שוין אליין נישט וואס מ'טוט, דאס קאסט געלט, מ'טראכט אריין ווי מ'קען זיין מוסיף והולך, וואס איז דאס, **פרנסות ווערן שוואכער ס'ווערט נישט בעסער, און אז איינער האט ב"ה יא פרנסה האט ער דען נישט וואס צו טון מיטן געלט, ס'איז דא אזויפיל וואס צו טון מיטן געלט.**

היינט זעט מען צו מאכן אלעס טייערער, איך ווייס אליין נישט וואס, מוזיק מוז זיין טייערער, און מוזיק געהעריג דארף צו קאסטן לכה"פ טויזענט דאלאר, היינט איז שוין דא איינער וואס מאכט מוזיק און ס'דאכט זיך פונדערווייטנס ווייסט מען נישט וויפיל מוזיקאנטן ס'שפילען, ס'איז אויפגעקומען אזא פאטענט, נו דאס איז א פיינע זאך, און דאס קען מען אפקומען מיט הונדערט צו מיט צוויי הונדערט דאלאר איך ווייס נישט וויפיל.

**דארף מען דען נישט ארייטראכטן ווי מען קען מקמץ זיין?, אז מען וועט נישט אין דעם ארייטראכטן וועט עס פירן צו גרויסע אומגליקן חלילה !, ס'איז א חשש פשוט פארן מלכות, איר ווייסט ווי מען קאנטראלירט ווי אזוי מען לעבט און ווי מען באצאלט די שטייערן ווי עס געהער צו זיין, אז זיי וועלן געוואיר ווערן וואסערע חתונות מען מאכט ביי אונזערע אידן איז דאך באמת א געוואלדיגע סכנה, צו מען וועט ארייפאלן חלילה אין א מ'לער מיט דעם, אויב מען וועט נישט זען עפעס צו טון אפצושטעלן.**

וואס קאן איך טון, איך פרוביר אפצושטעלן ביי די תנאים, מען מאכט ביי מיר, מען האט איינגעפירט מען קומט, איך מאך עס זייער גערן איך האב א גרויס הנאה, א איד טוט א שידוך, ס'איז באמת ביי מיר א גרויסע שמחה, איך בין מיר זייער משמח, מען איז געקומען צו מיר איך זאל מאכן א ווארט, איך מאך עס בשמחה רבה, איך בין זייער צופרידן איך וואונטש אן, דער אייבערשטער זאל העלפן.

אבער נאכדעם האב איך געזען אז דאס איז ביי מיר, און נאכדעם ווען מען גייט אוועק צו תיכף צו א טאג צוויי דערנאך נעמט מען ארויס א האל, ס'קאסט אפ טויזענטער'ס די תנאים, האב איך געקלערט ביי מיר בין איך א מסייע לידי עוברי עבירה, איך טו נישט גארנישט קיין מצוה מיט דעם, האב איך פארדעם געמאכט אז ווער ס'קומט צו מיר, מאך איך דאס זייער גערן, **אבער בתנאי זה, אז דאס זאל זיין די "תנאים", און נישט מאכן מער, ווייס איך אז איך האב עפעס אויפגעטון, און איך האב הנאה.**

האב איך דא א געלעגנהייט איך רעד דא צום עולם, זעטס עפעס, מען דארף ארייטראכטן, דאס דארף יעדער איינער ביי זיך וויסן, צו וואס וועט דאס פירן, אדער מען זאל טאקע מאכן ווי ס'איז געווען אינדערהיים, וואס איז שלעכט געווען, **זענען דען אונזערע עלטערן נישט געווען אלע חסידישע אידן, איך האב זיי געקאנט, אמת'דיג געווען ערליכע אידן, זיי האבן זיך זייער געפרייט, זיי האבן חתונה געמאכט די קינדער, זיי האבן געקענט מאכן יעדע נאכט שבע ברכות, מ'האט געמאכט נאר שבת. אפשר וואלט מען געדארפט מאכן א תקנה אז מ'זאל מאכן שבע ברכות "נאר שבת", די שבע ברכות איז יעדע נאכט א חתונה, און דאס קאסט אן א שיעור געלט, דאס ווייב מוז זיך קויפן יעדעס מאל א קלייד, און די כלה דארף אוודאי האבן, ס'פירט אריין אזויפיל הוצאות אן א שיעור און אן א ערך, צו וואס וועט דאס ברענגן ?.**

**איך מיין אז מען וואלט געדארפט מאכן אזא תקנה ביי אונז אין קהל, ווער זאגט דאס אז מ'דארף דאס מאכן, מ'דארף דאס נישט מאכן!, ווי גוט וואלט געווען ווען מ'וואלט געמאכט א תקנה אז שבת מאכט מען שבע ברכות, און א גאנצע וואך העכסטנס רופט מען אריין צען מענטשן נישט מער ווי א מנין, און אזוי עס מאכן,** (איינער וואס וויל דוקא מאכן), **כאטשיג ס'איז נישט קיין שום נחיצות, ווייל נאר אויב מען מאכט א סעודה און ס'איז דא צען מענטשן מיט חתן וכלה דארף מען זאגן שבע ברכות, מ'האט אבער נישט מתקן געווען מ'זאל מאכן שבע ברכות, ס'איז נישטא אזא תקנה מען זאל מאכן סעודות, ס'איז קיינמאל נישט געוועזן.**

מ'מוז ארייטראכאן עפעס צו מאכן אז מ'זאל קענען אנגיין מיטן אייבערשטענס הילף, מ'זאל קענען חתונה מאכן די קינדער, אידן האבן דאס היי יאר און איבער א יאר און נאך א יאר. דער זיידע האט אויך נישט קיין געלט פון ווי וועט ער דאס האבן, עס איז איז זייער פיין צו לערנען מיט א טאטן צו מיט א זיידן, אבער צו גיין צום זיידן און זאגן גיב חתונה הוצאות, איז די פראגע צו ער האט אליין אויך, פון ווי וועט ער דאס האבן.

**הכלל איך בעט אייך זעטס צו טון, און ווער ס'וועט דאס טון וועט זיכער זיין משובח, דער ערשטער וועט זעכער זיין משובח !**

שבת שבע ברכות קאסט דאך אויך אן א שיעור, דאהי אליין איז אויך נישט געווען אזוי, היינט איז געווארן מ'מאכט שבע ברכות דינגט מען א האל און אלע קרובים מחותנים גייען, און ס'קאסט אפ דער שבת שווערע טויזענטער, קיעה"ר די משפחה איז גרויס, יעדעם מוז ער דאך רופן, קומט אויס אז נאך די חתונה איז דער שבת א געוואלדיגע הוצאה, אז ער מוז רופן יעדן איינעם קען ער דאך נישט קאכן ביי זיך אין שטוב, ער האט דאך נישט קיין פלאץ, און ער דארף גיין אין א האל, ס'איז פרייטאג צו נאכטס און שבת בייטאג, ס'איז אן א שיעור געלט, וואס איז דער תכלית וואס דאס וועט ברענגן. עכ"פ מ'דארף צו מאכן שמחות ב"ה, ס'זאל זיין שמחות ביי אידן, ס'דארף צו זיין גשמיות די סעודות, אבער מ'דארף צו זען די רוחניות פון די זאך, מ'מאכט חתונה א קינד איז דאך דאס א געוואלדיגע גרויסע טאג, מען זאל מאכן אזוי ווי עס געהער צו זיין.